# וכל מאמינים

א וועכנטליכע בלעטל ארויס געגעבן דורך בני אמונים

פרשת כי תשא תשפ"ד שנה י | גליון מס' 523

בני אמונים
מתחזקים בעניית אמן
לע"נ הרה"ח ר' חיים בן ציון
בהרה"ח ר' אהרן צבי מרמורשטיין זצ"ל
נפטר יג' אלול תשס"ג



ת.ד 102 בני ברק | פקס : 03-5055919
9139191@gmail.com


## פניני אמונים

### פערל ווערטער אויף תפילה אין די פרשה

## משה רבינו האט געבעטן אז מען זאל אויסמעקן זיין נאמען פון ביידע ספרי תורה

**"וְעַתָּה אִם תִּשָּׂא חַטָּאתָם וְאִם אַיִן מְחֵנִי נָא מִסִּפְרְךָ אֲשֶׁר כָּתָבְתָּ"** (לב לב)

אין דער פסוק בעט דא משה רבינו אז מען זאל אויסמעקן זיין נאמען פון די תורה, אבער ווען מען איז מדייק אין פסוק זעט מען אז דער לשון שטימט נישט, עס וואלט גענוג געווען אז עס זאל שטיין "מחני נא מספרך" פארוואס פעלט זיך אויס דא די ווערטער: "אשר כתבת"?

דער '**לב שמחה**' פארענטפערט די שאלה על פי די ווערטער פון זוה"ק (זו"ח שה"ש עד ע"ב) אז עס איז דא זעקס הונדערט טויזנט אותיות אין די תורה. עס איז ידוע די קשיא אז מען האט אפגעציילט די אותיות אין די תורה און געטראפן אז עס איז דא האלב פון די סומע? נאר מען קען עס פארענטפערן מיט דער געדאנק וואס רש"י זאגט אין פרשת פנחס (ע"פ ספרי במדבר קלד) אויף די פרשה פון די בנות צלפחד (במדבר כז ז): "כן בנות צלפחד דברת" - און רש"י זאגט דארט א לשון "כך כתובה פרשה זו לפני במרום".

פון די רש"י איז משמע אז אויבן אין הימל איז דא נאך א תורה אויסער די תורה וואס איז דא אויף די וועלט, קומט אויס אז עס איז דא א דאפלטע מנין פון אותיות, לויט דעם שטימט זייער גוט די ווערטער פון דער זוהר הק', עס זיין אז טאקע אויף די תורה פון די וועלט איז נישט דא קיין זעקס הונדערט טויזנט אותיות, אבער פון די תורה אויף די וועלט מיט די תורה פון אויבן איז דא צוזאמען שישים ריבוא אותיות.

מיט דעם קען מען זייער גוט פארשטיין דער לשון פון "מחני נא" און שפעטער שטייט "אשר כתבת", ווייל משה רבינו האט דא געבעטן א דאפעלטע בקשה, ער האט געבעטן אז מען זאל אים אויסמעקן פון ביידע ספרים, ביי די "מחני נא". האט ער געבעטן אז מען זאל אים אויסמעקן פון די ספר וואס איז געגעבן געווארן פאר די אידן און מיט דער "אשר כתבת" האט ער געבעטן אז מען זאל אים אויסמעקן פון די תורה למעלה. מיט דעם איז אויך פארשטענדליך וואס מען בעט ביי שמונה עשרה "ותן חלקנו בתורתך" אז הקב"ה זאל אונז געבן א חלק אויך אין זיין תורה.

'לב שמחה' יתרו תשל"ח, כי תשא אמרים

## פניני אמונים

### פערל ווערטער אויף תפילה אין די פרשה

## א ברכה אן קיין 'אמן' איז ווי א 'מחצית השקל'

די וואכענדיגע פרשה הייבט זיך אן מיט די מצוה פון 'מחצית השקל'. די תורה הק' זאגט אונז אן אז יעדער איד איז מחוייב צו געבן יעדער יאר א מחצית השקל, וועלכער מען האט גענוצט במשך די יאר איינצוקויפן קרבנות ציבור פאר'ן בית המקדש.

אסאך וואונדערן זיך פארוואס עפעס האט די תורה געהייסן אז מען זאל געבן א האלבע שקל, עס וואלט דאך מער געפאסט אז מען זאל געבן א גאנצער שקל.

א שטארקער הסבר ברענגט דער הייליגער אלשיך הק' אראפ בשם רבי שלמה אלקבץ זצ"ל אז מיט'ן געבן א האלבער שקל האט די תורה הק' אונז געוואלט אויסלערנען די חשיבות פון אחדות ביי אידן, ווייל אזוי ווי א גאנצער שקל קען נאר ווערן ווען צוויי אידן געבן אזוי אויך קומט מען נישט אן צו שלימות, נאר אז מען איז באחדות, ווייל איינער איז משלים דעם צווייטן.

פון דעם רעיון קען מען אויך מבאר זיין די יסודות'דיגע הלכה וואס דער רמ"א שטעלט אוועק אין (או"ח קסז ב) אז ווען א איד מאכט א ברכה און א צווייטער איד ענטפערט אויף דעם אמן זאל דער וואס מאכט די ברכה אינזינען האבן יוצא צו זיין די חובה פון ענטפערן נאך די ברכה.

דער משנה ברורה אויפ'ן ארט געט צו פארשטיין די ווערטער פון דער הייליגער רמ"א אז וועגן דעם איז אזוי וויכטיג אז דער וואס מאכט די ברכה זאל אינזינען האבן צו ענטפערן אמן נאך די ברכה, ווייל דער אמן איז א חלק פון די ברכה און ווי עס איז זיינע דארט (שם כ): "דעניית אמן גם כן מכלל הברכה היא... ועל ידי שעונים אמן עליה הברכה חשובה יותר, ולכך נכון לכתחילה לכוון לצאת בעניית אמן שעונה העונה".

פון דעם זעען מיר הלכה למעשה אז דער שלימות פון די מצוה ווערט נאר דורך די צוויי, די ברכה מיט די אמן, ווייל עס איז איין זאך און נאר ווען עס איז דא ביידע צוזאמען איז דא א שלימות.

ווען מען ווערט זיך מתבונן זיין מיט א טיפקייט איבער די הלכה ווערט מען זען אז די יסוד פון די הלכה לערנט אויס דעם מענטש די גוטע מידה פון ענוה. צומאל איז שווער פאר א מענטש זיך צו דארפן בייגן דעם קאפ און אנערקענען אז זיין ברכה איז נישט בשלימות, אז ער דארף צוקומען צו אנדערע, אבער אז מען בייגט זיך, איז מען זוכה צו די מידה פון ענוה.

איבער די גרויסקייט פון ענוה איז מעיד דער הייליגער רמב"ן אין זיין בארימטער בריוו: "שהיא מידה טובה מכל המידות הטובות" און לויט ווי מיר רעדן דא קומט אויס ענוה ברענגט אונז אויך צו אז מען זאל ענטפערן אמן.

די שייכות פון ענטפערן אמן מיט ענוה קען מען טרעפן בדרך רמז אין דער נאמען פון משה רבינו. די תורה הק' זאגט דאך עדות אז משה רבינו איז געווען דער עניו מכל האדם אשר על פני האדמה און ווען מען קוקט אריין אין דער נאמען פון משה רבינו זעט מען א די סופי תיבות פון די ווערטער וואס שטעלן צוזאמען דער ווארט 'משה' [מ"ם שי"ן ה"א] איז 'אמן'.

מיר וועלן מקפיד זיין צו מאכן שלימות'דיגע ברכות וואס ווערן געענטפערט מיט אן אמן און מיר וועלן דורכדעם זוכה זיין צו זען א ברכה בכל מעשי ידינו "ברכה שלימה" מעתה ועד עולם.

**מיט א קריאה פון**
**"בברכה שלימה ונאמר אמן"**

**שבת שלום ומבורך,**

יעקב דוב מארמארשטיין

# — א קדיש וואס איז ווערד מיליאנער —

ווען ר' שמעון האט יענער נאכט אריינגעוואנדערט אין די זייטיגע ישוב צו זוכן אויב עס איז דא א מנין מנחה צי נישט האט ער נישט געגלייבט אז די איינצעלע באזוך וועט טוישן זיין לעבן אויף אייביג.

"כבוד הרב". האט איינער פון די אידן זיך דערנענטערט צו אים און אים געבעטן ער זאל זיי זאגן א דבר תורה, א שטיקל שיעור.

"מיר זענען הונגעריג פאר א דבר הלכה, איינער זאל לערנען מיט אונז, אז דו ביסט דא, אפשר ביסטו אונז מהנה".

נו, ווער קען זאגן ניין פאר אזא בקשה וואס קומט ארויס פון טיפן הארצן. רבי שמעון האט זיך צוגעשטעלט צו די בימה און אנגעהויבן זאגן א דבר הלכה. צו זיין וואונדער איז דער עולם געזעסן צוגעשמידט צו די בענקלעך און ווען ער האט געענדיגט, האט מען זיך איינגעבעטן ביי אים ער זאל ממשיך זיין.

ער האט ממשיך געווען און נאכ'ן ענדיגן די שיעור האט מען זיך געשטעלט דאווענען מעריב.

ר' שמעון האט זיך געגרייט אהיימצופארן ווען ער גרייט זיך אז די היינטיגע איבערלעבעניש וועט ארויספליען פון זיין קאפ, אבער נאך מעריב איז ער ווידעראמאל געווארן ארומגערינגלט פון אלע אידן אין דארף.

"קום נאכאמאל, מארגן, דיינע שיעורים זענען אזוי זאפטיג, מיר דארפן עס".

רבי שמעון האט נישט געהאט קיין הארץ


דער יישוב 'חבצלת השרון'

אפצוזאגן די בקשה און ער איז געקומען צוגיין מארגן און מארגן ווען אינדערצווישן ווערט ער ווי דער אומגעקרוינטער רב פון שול.

רבי שמעון האט שוין כמעט פארגעסן ווען אלעס האט זיך אנגעהויבן און ווען א איד, פון די קביעות'דיגע מיטגלידער פון שיעור, איז אוועק פון די וועלט, איז ער געווען זיכער אז די קינדער פון דעם איד וועלן זיך נישט זאגן קיין קדיש נאך אים, אבער צו זיין וואונדער איז דער זון געווען אין שול א טאג נאך די שבעה.

מיט אן ארויפגעלייגטער קאפעל אויפ'ן קאפ צו די קדיש האט ער געזאגט יתגדל ויתקדש ווען ר' שמעון טראכט צו זיך אז זיכער האט אים געכאפט א ווארעמקייט, עס וועט נישט נעמען לאנג און ער וועט אויפהערן צוקומען אבער ווען עס איז געווארן א טעגליכער זאך און ער האט נישט פארפעלט קיין איין תפילה האט די זאך אנגעהויבן צוציען זיין אינטערעסע. עס איז געווען נאך מער אויפפאלנד ווי דער איד האט אפגעזאגט זיין קדיש און אוסערדעם האט ער גארנישט מיטגעהאלטן, אין לויף פון די גאנצע דאווענען האט ער זיך געדריידט אינדרויסן און נאר צו די קדשים איז ער אריינגעקומען אין שול.

פון זיין התנהגות האט מען געקענט זען אז עפעס גייט דא פאר, דער איד זוכט נישט קיין קאנטאקט, ער האלט נישט מיט די שיעורי תורה, טראץ וואס זיין טאטע איז געווען א שומר תורה, אבער ער איז נאר מקפיד צו זאגן קדיש און מיט דעם ענדיגט זיך די זאך.

טראץ דעם וואס ער איז געווען אזוי קאלט צו אלעס, האט דער רב פון שול מקפיד געווען אים אריינצורופן צו יעדע קדיש און זיכערגעמאכט אז ער האלט אלעס מיט.

עס איז אדורך א שטיק צייט און דער סוד איז ארויפגעשווימען. אין א טאג האט דער טעלעפאן פון דעם רב געקלינגען און א טאכטער פון דער נפטר האט זיך פארגעשטעלט און אנגעהויבן שילדערן די געשיכטע און אויפגעדעקט דער סוד וואס ליגט דערונטער פון די געשיכטע.

"געוויס ווייסטו". האט די שוועסטער אנגעהויבן צו דערציילן.

"מיין טאטע איז געווען א שומר תורה ומצוות, אבער ער האט אונז איבערגעלאזט אן איבערראשונג. נאך דעם וואס ער איז אוועק פון די וועלט האבן מיר אנטדעקט אז ער האט אונז איבערגעלאזט א גרויסע פארמעגן, די פארמעגן האט זיך געציילט פון צוועלעף מיליאן שקל. ער האט פארשריבן א צוואה, אין די צוואה איז געשטאנען אז צען מיליאן שקל גייט פאר מיין ברודער און נאר צוויי גייט פאר מיר, אבער ער האט צוגעלייגט א תנאי, אז מיין ברודער באקומט נאר די געלט, אויב ער וועט טאג איין, טאג אויס, זאגן קדיש נאך אים".

"אויב וועט ער נישט איינהאלטן די תנאי". האט דער טאטע צוגעלייגט.

"פארלירט ער די רעכט אויף צען און איך צוויי, מיר מוז'ן זיך צוטיילן האלב אויף האלב".

ווען מיין ברודער האט מיר געזאגט נאך די שבעה אז ער גייט איינהאלטן די תנאי האב איך אים נישט געגלייבט. צווישן די שול און וואו ער וואוינט איז נישט צו ווייט פיזיש, אבער ער האט נישט קיין שום רגש כלפי די שול, איך בין געווען זיכער אז עס וועט נישט נעמען לאנג און ער וועט זיך ברעכן אבער איך האב געגרייזט. מיט די פולסטע מאס ערנסטקייט איז ער געגאנגען אין שול טאג נאך טאג, ווען ער פארפעלט נישט קיין איין איינציגער תפילה און קדיש.

מען רעדט דאך דא פון גרויס געלט, איך האב נישט געוואלט דערלייגן אזויפיל געלט, איך האב ארויסגעדינגען א פריוואטער אויספארשער וואס זאל אים נאכגיין טאג נאך טאג און זען צי ער שטייט אין די מיסיע.

מיט די צייט האב איך באמערקט אז ער קומט אין שול אבער ער בלייבט זיצן אינדרויסן און דו גייסט אים רופן ווען מען דארף זאגן קדיש.

"איך זאג נישט אז דו דארפסט אים שטערן פון זאגן קדיש, אבער איך וויל דיר יא בעטן אז דו זאלסט אים נישט אריינרופן, לאז אים זיצן אינדרויסן, איך דארף נישט אז ער זאל אייביג פארפעלן אבער אמאל, אמאל, אז ער פארפעלט איז גענוג פאר מיר".

די שוועסטער האט ווייטער גערעדט אבער זיך אפגעשטעלט א רגע, איידער זי גייט ארויסשיסן איר באמבע:

"אויב דו וועסט מיר ארויסהעלפן אז איך זאל קען באקומען די איבריגע פיר מיליאן שקל וועל איך דיר געבן די מעשר געלט פון פיר מיליאן שקל. מען רעדט פון פיר הונדערט טויזנט שקל. דו וועסט קענען נעמען פאר דיר, אדער געבן פאר צדקה, אלעס וואס איך בעט איז איין קדיש".

אויב אין אנהייב האט ר' שמעון געוואלט אפשטופפן די הצעה האט זיך עס יעצט אנגעהויבן הערן אינטערעסאנט. נישט וויסנדיג וואס צו טון איז דער ר' שמעון ארויף צו דער בעל אילת השחר און פאר אים פארגעלייגט די שאלה.

"חלילה זאלסטו טון אזא זאך, מיר קענען נישט שאצן די חשיבות פון אן איינצעלער קדיש, וואס עס פועל'ט אויף יענע וועלט. דו דארפסט זען אז דער נפטר זאל באקומען זיינע קדשים, וויפיל עס קומט זיך אים".

נאכ'ן באקומען די קלארע הוראה האט ר' שמעון ממשיך געווען דאס זייניגע און ווייטער אריינגערופן דעם איד צו קדיש.

די סדר האט אנגעהאלטן נאך א שטיק צייט ביז דער זון האט זיך געבראכן.

"זאג מיר, כבוד הרב, ווי אזוי טוסטו אזא זאך. צי ווערסטו נישט געטשעפעט אז איך גיי ארויס אינדרויסן פון די שיעורים און איך הער דיר נישט אויס און עס באוירט דיר נישט, דו קומסט ווייטער צו מיר און דו רופסט מיר יעדן טאג".

ר' שמעון האט שוין געהאט די תשובה אין זיין מויל.

"מיר קענען קיינמאל נישט וויסן ווי חשוב די קדיש איז פאר דיין טאטע אין הימל. דאס טרייבט מיר".

צו דער וואונדער פון דעם רב האט ער מארגן געזען א שינוי אויף דעם איד. מיטאמאל האט ער אנגעהויבן קומען צו די שיעורים, ער האט זיך איינגעהערט אין זיי און ביסלעכווייז איז ער געווארן נענטער און נענטער צו די תורה.

גאנצע צוויי חדשים איז אריבער און דער זון האט אנגעהויבן היטן שבת, ער איז געווארן א שומר תורה ומצוות. ווען די יאר האט זיך געענדיגט איז דער איד געקומען טאג טעגליך אין שול, אן וואס מען זאל אים צווינגען, נאר פון זיין אייגענער באגער.

די מעשה האט דערציילט רבי בנימין כהן דער יו"ר פון קרן השביעית

ער האט געהערט די מעשה פון דעם ערשטן מקור

## — די כוונה פון 'אמן' אויף ברכות השחר —

ווען מען ענטפערט אמן נאך א ברכה דארף מען אינזינען האבן די פירוש המילות פון דער אמן. מעיקר הדין איז נישט גענוג אז מען האט אינזינען בכללות די טייטש פון אמן, נאר די כוונה דארף זיין געבויט לויט די ברכה וואס מיר ענטפערט נאך אויף איר אמן.

אין דער סדר התפלה טרעפן מיר עטליכע כוונות פון אמן, איין סארט אמן איז נאך א ברכה וואס איז א ברכה פון שבח והודיה פאר'ן באשעפער. נאך אזא אמן דארף די כוונה זיין אז די ברכה איז אמן און איך גלייב אין די שבח, אז דער רבוש"ע האט די שבח, נאך א ברכה פון א בקשה דארף די כוונה זיין א בקשה אז 'יהי רצון' אז די בקשה זאל נתמלא ווערן, נאך א ברכה וואס האט אין זיך ביידע, עס איז סיי א א שבח און סיי א בקשה, דארף מען אינזינען האבן ביידע סארט כוונות. (שו"ע או"ח קכד ו, ומשנ"ב שם כה).

אז מיר זאלן וויסן וואס מען האט אינזינען ביי יעדע ברכה וועלן מיר היינט אראפברענגען פאר אייך די כוונות וואס מען זאל אינזינען האבן ביי יעדע ברכה באזונדער:

### די ברכה פון 'על נטילת ידים'

אמן - עס איז 'אמת' אז איך דארף לויבן הקב"ה אז ער האט מיר געהייליגט און באפוילן אז איך זאל זיך הייליגן מיט די מצוה פון נטילת ידים צופרי.

### די ברכה פון 'אשר יצר'

אמן - עס איז 'אמת' אז עס ליגט אויף מיר א פליכט צו דאנקען הקב"ה אז ער האט באשאפן אין מיר א וואונדערליכער פארדייאונג סיסטעם און דאס היט אויף אונזער קערפער עס זאל בלייבן געזונט.

### די ברכה פון 'אלוקי נשמה'

אמן - עס איז 'אמת' אז מיר דארפן דאנקען הקב"ה אז ער גיט אונז יעדן טאג צוריק די נשמה נאך דעם וואס מיר ליגן ביינאכט ווי טויטע פגרים.

### די ברכה פון 'המלמד תורה לעמו ישראל'

אמן - עס איז 'אמת' אז מיר מוז'ן דאנקען הקב"ה אז ער האט אונז געהייליגט מיט די הייליגע מצות און באפוילן צו לערנען די הייליגע תורה און ער העלפט אונז עוסק צו זיין אין די תורה און 'יהי רצון' אז אז אונז מיט אונזערע קינדער זאלן זיין לומדי תורה לשמה.

### די ברכה פון 'נותן התורה'

אמן - עס איז אמת אז מיר דארפן דאנקען הקב"ה אז ער האט אונז בוחר געווען און אונז געגעבן די תורה.

### די ברכה פון 'הנותן לשכוי בינה'

אמן - עס איז אמת אז מיר דארפן לויבן הקב"ה אז ער האט אריינגעגעבן אין אונז שכל אז מיר זאלן קענען מבחין זיין צווישן טאג און נאכט.

### די ברכה פון 'שלא עשני גוי'

אמן - יא, עס איז 'אמת' אז מיר דארפן לויבן הקב"ה אז ער האט אונז נישט געמאכט א גוי' וואס איז פטור פון פון תורה ומצוות.

### די ברכה פון 'שלא עשני עבד'

אמן - עס איז אמת אז מיר דארפן דאנקען הקב"ה אז ער האט אונז נישט געמאכט א קנעכט וואס האט נישט קיין מיוחס און איז נישט מחוייב מיט אלע מצות.

### די ברכה פון 'שלא עשני אשה'

אמן - יא, עס איז אמת אז מיר דארפן דאנקען הקב"ה אז ער האט אונז נישט געמאכט א א פרוי, ווייל א פרוי איז נאר מחוייב מיט א חלק פון די מצוות.

### די ברכה פון 'פוקח עוורים'

אמן - יא, עס איז אמת אז מיר דארפן דאנקען הקב"ה אז טאג טעגליך עפענט ער אונזערע אויגן און גיט אונז צוריק די כח צו קענען זען זאכן און די וועלט.

### די ברכה פון 'מלביש ערומים'

אמן - עס איז 'אמת' אז מיר דארפן לויבן הקב"ה אז ער איז אונז ממציא קליידער אז מיר זאלן עס קענען אנטון און צודעקן אונזערע קערפער.

### די ברכה פון 'מתיר אסורים'

אמן -עס איז אמת אז מיר דארפן דאנקען הקב"ה אז ער האט אונז אויפגעבינדן פון די געבינדענקייט וואס מיר האבן געהאט ביים שלאפן און ער באנייעט ביי אונז די כח צו קענען רירן די גלידער.

### די ברכה פון 'זוקף כפופים'

אמן -יא, עס איז אמת אז מיר דארפן דאנקען הקב"ה אז ער האט אויפגעהויבן אונזער געשטעל וואס איז געווען איינגעבויגן ווען מיר זענען געשלאפן.

### די ברכה פון 'רוקע הארץ על המים'

אמן - עס איז אמת אז מיר דארפן דאנקען הקב"ה אז ער האלט די יבשה אויף די וואסער אז מיר זאלן קענען שטיין אויף איר.

### די ברכה פון 'המכין מצעדי גבר'

אמן - יא, עס איז אמת אז מיר דארפן דאנקען הקב"ה אז ער באגלייט אונז איבעראל אין אונזערע וועגן און היט אפ אונזערע טריט איבעראל.

### די ברכה פון 'שעשה לי כל צרכי'

אמן - עס איז אמת אז מיר דארפן דאנקען הקב"ה אז מיר האבן שיך אויף אונזערע פוס, אז מיר קענען גיין מיט דעם און אויספירן אלעס וואס מיר דארפן.

### די ברכה פון 'אוזר ישראל בגבורה'

אמן - אמת אז מיר דארפן דאנקען הקב"ה אויף די גארטעל וואס מיר גארטלען זיך אן און עס טיילט אפ צווישן די אויבערשטע טייל פון די קערפער צו די אונטערשטע טייל.

### די ברכה פון 'עוטר ישראל בתפארה'

אמן - עס איז אמת אז מיר דארפן לויבן הקב"ה אז מיר האבן א שיינער און בכבוד'דיגער צודעק מיט וואס צו צודעקן אונזער קאפ.

### די ברכה פון 'הנותן ליעף כוח'

אמן - יא,עס איז אמת אז מיר דארפן לויבן הקב"ה אז ער גיט אונז צוריק טאג טעגליך אונזער מידע נשמה אויסגערוט און אויפגעפרישט.

### די ברכה פון 'הגומל חסדים טובים'

אמן - עס איז אמת אז מיר דארפן דאנקען הקב"ה אז ער האט אוועקגענומען די שלאף פון אונזערע אויגן און אויף די פולע חסדים און טובה וואס ער האט געטון מיט אונז און 'יהי רצון' אז ער זאל גומל זיין מיט אונז חסדים טובים היינט און יעדן טאג.

דער זוהר הק' (וילך רפה ב) רעדט ארום זייער הארב אויף ווער עס ענטפערט אמן און ער האט נישט איזינען וואס ער ענטפערט. ער שרייבט אז ווער עס ענטפערט אמן אן כוונה גייט אויף אים ארויף דער פסוק אין (שמואל א ל): "וּבֹזַי יֵקָלּוּ". אז מען זאל נישט נכשל ווערן חלילה אין אזא הארבע זאך האט דער מקובל רבי מאיר פאפיראש מתקן געווען א ספעציעלע תפילה וואס מען זאל זאגן פאר דעם יעדן טאג ('אור צדיקים' תיקון התפילה אות נב). פאלגענד איז די תפילה:

**"ריבונו של עולם, גלוי וידוע לפניך שאני בשר ודם ואין בי כוח לכוון כוונת אמן כראוי, ובכן יהי רצון מלפניך שתהא עולה כוונת אמן שלי עם כוונת אמן מאותם השרידים היודעים לכוין כוונת עניית אמן כראוי"**



# חוקי אמונים

## הלכות תפילה אין דפרשה

### — צי זענען פרויען מחוייב מיט מוסף —

"וְנָתְנוּ אִישׁ כֹּפֶר נַפְשׁוֹ לַה' בִּפְקֹד אֹתָם וְלֹא יִהְיֶה בָהֶם נֶגֶף בִּפְקֹד אֹתָם; זֶה יִתְּנוּ כָּל הָעֹבֵר עַל הַפְּקֻדִים מַחֲצִית הַשֶּׁקֶל" (ל יב-יג)

ווען דער בית המקדש איז געשטאנען איז יעדער איד געווען מחוייב צו ברענגען א מחצית השקל. מיט די געלט פון מחצית השקל האט מען זיך גענוצט צו קויפן קרבנות ציבור ווי די קרבן תמיד, די מוספים פון שבת און יום טוב און אנדערע זאכן וואס זענען געבינדן צו די עבודה אין בית המקדש (רמב"ם שקלים ה א).

די חובה פון געבן מחצית השקל איז געווען אויף מענער און נישט אויף פרויען און ווי דער פסוק זאגט קלאר ארויס: "וְנָתְנוּ אִישׁ כֹּפֶר נַפְשׁוֹ" - אז עס מיינט "איש" און נישט א פרוי. (שקלים א ג; רע"ב שם). פון דעם דין ווייזט אויף **רבי עקיבא איגר** אז פרויען האבן נישט קיין חלק אין די קרבנות ציבור און וועגן דעם זענען זיי פטור אויך פון תפילת מוסף ווייל מוסף איז קעגן א קרבן ציבור.

אבער **רבי יחיאל העליר** דער בעל 'עמודי אור' איז חולק אויף די סברא, ער טענה'ט אז דאס אז די תורה האט גע'פטר'ט א פרוי פון מחציתהשקל מיינט נישט אז זי האט נישט קיין חלק אין די קרבנות ציבור. ער זאגט אז אדרבה, עס איז דא א סברא צו זאגן אז אפילו אויב זיי זענען פטור פון באצאלן האבן זיי אבער יא א כפרה מיט די קרבנות און וועגן דעם זענען זיי יא מחוייב מיט די תפילה פון מוסף.

למעשה אויף להלכה פסק'נט דער 'עמודי אור' אז פרויען זענען פטור פון תפילת מוסף און ער ברענגט א ראיה פון דער א צל"ח אין ברכות (ברכות כו א): בגמרא (שם כ ב, ע"פ תוספות שם ד"ה בתפלה).

אבער דער **'מגן גיבורים'** איז דוחה אויך די סברא פון דער עמודי אור און פירט אויס אז פרויען זאלן יא דאווענען מוסף, ווייל אין די היינטיגע מוסף איז אויך דא בקשת רחמים ווי אין אנדערע תפילות.

הגהות רע"א או"ח קו ב; שו"ת 'עמודי אור' ז; 'מגן גיבורים אלף המגן ד

# שערי גן עדן

## אמן און ברכות אין די וועג פונעם בעל הילולא

### דער 'גנזי יוסף'
### כ"ב אדר תק"ן



דער ציון הק' פון דער בעל 'גנזי יוסף' אין די שטאט סטאנוב אין אוקראיינע

דער צדיק רבי יוסף בלוך דער בעל גנזי יוסף איז געבוירן געווארן אין יאר תפ"ד צו זיין טאטע רבי אברהם. נאך אין זיינע יונגע יארן האט ער גע'שמ'ט איבעראל מיט זיין גדלות און מיט זיין צדקות און ווי עס איז מעיד אויף אים דער בראדער רב רבי מאיר קריסטיאנפולר בעל 'יד המאיר' אין זיין הסכמה אויף דער ספר 'גנזי יוסף': "אין זיינע יונגע יארן האט ער געלערנט תורה ביי מיין זיידע רבי יחזקאל און איך געדענק אז אייביג פלעגט דער זיידע אים משבח און רעדן פון זיין גדלות בתורה וביראה".

רבי יוסף האט זיך געציילט אויף די תלמידים פון דער הייליגער מעזריטשער מגיד, ער האט זיך אויך געדריידט ביים הייליגן זלאטשובער מגיד. אין זיין ספר 'גנזי יוסף' ווערט ארויסגעברענגט אסאך שיינע יסודות פון חסידות וואס ער האט מקבל געווען פון זיינע רבי'ס. צוזאמען מיט זיין חסידות איז ער אויך געווען א גדול בתורה און ווען מען לערנט די חידושים וואס ער האט געמאכט אויף די סוגיות הש"ס זעט מען פון דארט זיין גדלות בתורה.

דורכאויס זיין לעבן האט ער אויך געדינט אלץ רב אין די שטאט אלעסק אבער סוף ימיו איז ער אריבער וואוינען אין די שטאט סטאנוב און ער האט דארט געדינט אלץ מגיד מישרים. איבער זיין גדלות איז מעיד דער סטאנובער רב , רבי אלכסנדר סנדר מרגליות, אין זיין הסכמתו אויף זיין ספר: "אין די יארן ווען ער איז געווען דער מגיד מישרים אין די שטאט סטאנוב האב איך געזען פון די נאנט זיין גרויסע חסידות, זיין פרישה, זיין עונה, זיין התמדה, אז ער האט משים געווען לילות כימים בתורה".

דער בעל 'גנזי יוסף' איז נסתלק געווארן אין די עלטער פון 66 יאר אין טאג כ"ב אדר אין יאר תק"ן, ער ליגט אין די שטאט סטאנוב.

### אויך די קינדער
### דארפן קומען אין שול אריין

דער סטאנובער מגיד האט גע'דרשנ'ט דער פסוק (דברים כט ט): "אַתֶּם נִצָּבִים הַיּוֹם כֻּלְּכֶם לִפְנֵי ה' אֱלֹקֵיכֶם" אז עס גייט ארויף אויף תפילה, ווייל דער ווארט "התייצבות" האט אין איר א משמעות פון תפילה ווי דער פסוק זאגט (שמואל-א א כה): "אֲנִי הָאִשָּׁה הַנִּצֶּבֶת עִמְּכָה בָּזֶה לְהִתְפַּלֵּל אֶל ה'".

די תורה זאגט אונז אז די תפילה וואס איז "לפני ה' אלקיכם" - אין די שול וואו עס איז דא השראת השכינה - דארף זיין במעמד פון "כל איש ישראל" און אז אפילו "טפכם", - די קליינע קינדער זאלן זיך משתתף זיין אין דעם, ווייל די השתתפות פון די קליינע קינדער איז אזוי חשוב אז עס ווערד וועגן דעם צו פארשפעטיגן די דאווענען וועגן דעם און ווי מען זאגט נאך בשם דער גאון וחסיד רבי מוהר"ר יוסף הוליס ז"ל [דער רב פון די שטאט טיסמניץ] אז ער פלעגט קומען אין שול אז די קליינע קינדער זאלן קענען קומען ענטפערן 'יהא שמיה רבא' און קדושה און אמן" ('גנזי יוסף' נצבים).

צו באקומען יעדע וואך די גליון אין אימעיל קען מען זיך ווענדן צו: 9139191@gmail.com